# סצענע 8 א'

## Escena 8 A

### רייזל ביַים צאָנדאָקטער

### Reizl va al dentista

מאַמע - און איצט מיַין טאָכטער, טו אַ שמייכל !
אַ ביסל גרעסער... אַ ביסל גרעסער... אַהאַ. מממאַהאַ.
רייזל - אַהאַ וואָס מאַמע ? וואָס נאָך ווילסטו פֿון מיר ?
מאַמע - מיר גייען צום דענטיסט.
רייזל - דענטיסט ???
מאַמע - פֿרעג נישט און קום !
דאָקטער - קראַנקן-שוועסטער, זאָל דער פּאַציענט אַריַינקומען.
ק.ש. - פֿרוי גרינשטיין מיט איר טאָכטער, דאָקטער.
ד"ר - גוטן -אָוונט, פֿרוי גרינשטיין, רייזל, וואָס מאַכט איר ?
מאַמע - גוטן-אָוונט ד"ר צאָנוויַיס. מיר זיַינען פֿיַין, זייער פֿיַין.
ד"ר - שוין אַ פּאָר מאָנאַטן וואָס איר זיַיט נישט געווען דאָ ביַי מיר. וואָס איז, רייזעלע, אַ ציינ ווייטיק אָדער דו ווילסט רייניקן דיַינע ציין ?
רייזל - ניין, ניין ד"ר צאָנוויַיס, איך פֿיל זיך זייער גוט.
מאַמע - מיר זיַינען דאָ, וויַיל עס איז שוין ציַיט...
ד"ר - אַהאַ... שוין ציַיט...
ביטע רייזל, זעץ זיך אַוועק.

רייזל, עפֿן דאָס מויל. גוט. גרויס,עפֿן מער, מער... ברייטער, ברייטער... שטעל אַרויס די צונג... גוט, גוט...
פֿרוי גרינשטיין, איר זיַיט גערעכט. עס איז שוין ציַיט.
רייזל - שוין ציַיט ? צו וואָס ? איך האָב נישט קיין ווייטיק, מיַינע ציין זיַינען פֿיַין.
ד"ר - עס איז שוין ציַיט אַראָפּצונעמען די ציינדרעטלעך. דיַינע ציין זיַינען שוין זייער גליַיך, און דו וועסט האָבן אַ פּרעכטיקן שמייכל..